ווען איך בין רויטשילד

(א מאנאלאג פון א כתרילעווקער מלמד)

— ווען איך בין רויטשילד, — האט זיך צעלאזט א כתרילעווקער מלמד איינמאל אין א דאנערשטיק, בעת די רביצן האט אים געמאנט אף שבת און ער האט נישט געהאט, — אוי, ווען איך זאל זיין רויטשילד! טרעפט, וואס איך טו? ראשית חכמה, פיר איך איין א מנהג, אז א ווייב זאל תמיד האבן בא זיך א דרייערל, בכדי זי זאל פארשפארן דולן א ספאדיק, אז סע קומט דער גוטער דאנערשטיק און ס'איז נישטא אף שבת... והשנית, קויף איך אויס די שבתדיקע קאפאטע, אדער ניין — דעם ווייבס קעצענעם בורנים — לאז זי אויפהערן פיקן אין קאפ ארײַן, אז ס'איז איר קאלט! און קויף אוועק די דאזיקע שטוב אינגאנצן מיט אלע דרײַ חדרים, מיט דער קאמער, מיט דער שפיזארני, מיטן קעלער, מיטן בוידעם, מיט הכל בכל מכל פלעקל, — לאז זי נישט זאגן, אז ס'איז איר ענג; נא דיר אוועק צוויי חדרים, קאך דיר, וואש דיר, בראק דיר, און לאז מיך צורו, איך זאל קאנען קנעלן מיט מײַנע תלמידים מיט א ריינעם קאפ! נישטא קיין דאגות פרנסה, מע באדארף נישט קלערן, ווו נעמט מען אף שבת — מחיה נפשות! די טעכטער אלע חתונה געמאכט, אראפ א הארב פון די פלייצעם — וואס פעלט מיר? הייב איך מיך אן ארומקוקן אביסל אף דער שטאט. דאס ערשטע בין איך מנדר א נײַעם דאך אפן אלטן בית־המדרש, לאז אויפהערן קאפען אפן קאפ, בשעת ייִדן דאוונען; און, להבדיל, דאס מרחץ בוי איך איבער אפסנײַ. ווארעם נישט הײַנט־מארגן — עס וועט דארטן מוזן זײַן אן אומגליק, חס ושלום, טאמער פאלט דאס אוים אקוראט בשעת נשים באדן זיך. און וויבאלד דאס באד, מוז מען שוין דאס הקדש אוודאי צעווארפן און אני־

דערשטעלן א „בקור־חולים" אָבער טאַקע וואָס א בקור חולים הייסט, מיט בעטלעך, מיט א דאָקטער, מיט רפואות, מיט יאַיכלעך אַלע טאָג פאַר די חולאים, ווי עס פירט זיך אין לײַטישע שטעט. און א „מושב זקנים" שטעל איך אַוועק, אַלטע יידן לומדים זאָלן זיך נישט וואַלגערן אין בית־המדרש באַ דער הרובע, און א חברה „מלביש־יסומים", אָרעמע קינדער זאָלן נישט ארומגיין, איך בעט איבער אײַער כבוד, מיט די פּולקעס אין דרויסן, און א חברה „גמילות־חסדים, אַז איטלעכער ייד, סײַ א מלמד, סײַ א בעל־מלאָכה, סײַ א סוחר אפילו זאָל פאַרשפּאָרן צאָלן פּראָצענט, נישט דאַרפן פאַרמשכונען דאָס העמד פונעם לײַב, און א חברה „הכנסת־כלה", אַז ווו ערגעץ אַן אָרעם מיידל נעבעך א דערוואַקסענע, זאָל מען זי אויסקליידן, ווי עס געהער צו זײַן, און חתונה מאַכן, און נאָך כדומה אַזעלכע חברות פיר איך אײַן באַ אונדז אין כתרילעווקע... וואָס וואָס איז שײַך עפּעס דווקא נאָר באַ אונדז אין כתרילעווקע? אומעטום, ווו עס געפינען זיך נאָר אחינו בני ישראל, פיר איך אײַן אַזעלכע חברות, אומעטום, אַף דער גאַנצער וועלט! און בכדי עס זאָל זיך פירן מיט א סדר, ווי עס געהער צו זײַן — טרעפט, וואָס טו איך? מאַך איך אַף אַלע חברות איין חברה א גרויסע, א צדקה־גדולה־חברה, וואָס גיט אכטונג אַף אַלע חברות, אַף אַלע יידן. דאָס הייסט, אַף דעם כלל ישראל, אַז יידן זאָלן אומעטום האָבן פרנסה און לעבן אין אחדות און זאָלן זיצן אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש"י, מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש"א, מיט אַלע שבע חכמות און מיט אַלע שבעים לשון, און אַף אַלע ישיבות זאָל זײַן איין ישיבה א גרויסע, א יידישע אַקאַדעמיע, אין דער ווילנע געוויינטלעך, וואָס פון דאָרטן זאָלן אַרויסגיין די גרעסטע לומדים און חכמים אין דער וועלט, און אַלצדינג זאָל זײַן אומזיסט, „על חשבון הגביר", אַף מײַן קעשענע, און אַלצדינג זאָל זיך פירן מיט א סדר און מיט א פּלאַן, עס זאָל נישט זײַן קיין „גיב־מיר־נאַ־דיר־כאַפּ־לאַפּ", און אַלע זאָלן אין זינען האָבן נאָר טובת־הכלל!... און בכדי מע זאָל קענען טראָגן אַפן קאָפּ דעם „כלל — וואָס דאַרף מען? דאַרף מען באַוואָרענען דעם פּרט? געוויינלעך, מיט פרנסה; וואָרעם פרנסה, הערט איר, דאָס איז דער רעכטער עיקר; אָן פרנסה קאָן נישט זײַן קיין אחדות; איבערן שטיקל ברויט, משטיינס געזאָגט, איז איינער דעם אַנדערן יורד לחייו, קאַפּאַל יענעם קוילען, סמען, הענגען!... אפילו די שונאי ישראל, אונדזערע המנס פון דער גאַנצער וועלט, מיינט איר, וואָס האָבן זיי צו

אונדז? גאָרנישט. נאָר צוליב פּרנסה. זיי זאָלן האָבן פּרנסה, וואָלטן זיי גאָר אַזוי שלעכט נישט געווען. פּרנסה ברענגט צו קנאה, קנאה ברענגט צו שנאה, און דערפון, רחמנא ליצלן, נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט, אַלע אומגליקן, נישט דאָ געדאַכט, מיט אַלע רדיפות, מיט אַלע הריגות, מיט אַלע רציחות און מיט אַלע מלחמות...

אוי, די מלחמות, די מלחמות! דאָס איז, הערט איר, גאָר אַ שחיטה פאַר דער וועלט! ווען איך בין רויטשילד, מאַך איך אויס מלחמות, אָבער טאַקע לחלוטין אויס!

ווער איר דאָך פרעגן: ווי‌אַזוי? נאָר מיט געלט. דהיינו? איך וועל עס אייַך געבן צו פאַרשטיין מיט אַ שכל: למשל, צוויי מלוכות צעאַמפּערן זיך איבער אַ נאַרישקייט דאָרט, אַ שטיקל ערד, וואָס איז ווערט אַ שמעק טאַבאַקע; „טעריטאָריע" הייסט עס בא זיי. די מלוכה זאָגט, אַז די טעריטאָריע איז איר טעריטאָריע, און די מלוכה זאָגט: „ניין, ס'איז מייַן טעריטאָריע". משׁשת ימי בראשית, הייסט עס, האָט גאָט באַשאַפן אָט דאָס שטיקל ערד פון איר כבוד וועגן. קומט צוגיין אַ דריטע און זאָגט: „איר זייט ביידע בהמות; די טעריטאָריע איז אַלעמענס טעריטאָריע, אַ רשות הרבים הייסט עס". הקיצור, טעריטאָריע אַהער, טעריטאָריע אַהין, מע „טעריטאָריעט" אַזוי לאַנג, ביז מע הייבט אָן שיסן פון ביקסן און האַרמאַטן, און מענטשן קוילען זיך איינס דאָס אַנדערע ווי די שאָף, און בלוט, בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער.

אָבער אַז איך קום צו זיי לכתחילה און זאָג זיי: „שאַט, ברידערלעך, לאָזט אייַך דינען. אין וואָס גייט דאָ בא אייַך, אייגנטלעך, דער גאַנצער סכסוך? מע פאַרשטייט דען נישט אייַער מיין? איר מיינט נישט אַזוי די הגדה, ווי די קניידלעך. טעריטאָריע איז דאָך בא אייַך נאָר אַן אויסרייד; דער עיקר איז דאָך בא אייַך יענע מעשה, פּעטי־מעטי, קאָנטריבוציע! און וויבאַלד לשון קאָנטריבוציע — צו וועמען קומט מען אָן מיט אַ הלוואה? צו מיר, צו רויטשילדן הייסט עס. אַמער, ווייסט איר וואָס? נאַ דיר, ענגלענדער מיט די לאַנגע פיס און מיט די קעסטלדיקע הויזן, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, נאַרישער טערק מיט דער רויטער יאַרמלקע, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, מומע רייזל, אויך אַ מיליאַרד, ממה־נפשך, גאָט וועט אייַך העלפן, וועט איר מיר אָפּצאָלן מיט פּראָ־

צענט, נישט חלילה קיין גרויסן פּראָצענט, פיר אָדער פינף לשנה, איך וויל אַף אײַך נישט רײַך ווערן"...

פאַרשטייט איר שוין? אי איך האָב געמאַכט אַ געשעפט, אי מענטשן הערן אויף צו קוילען איינס דאָס אַנדערע, ווי די אָקסן, אומזיסט און אומנישט. און וויבאַלד אויס מלחמות, הײַנט צו וואָס באַדאַרף מען דאָס כלי־זיין, מיטן חיל, מיט אַלע זיבעצן זאַכן, מיטן גאַנצן טאַרעראַם? אַף תשעה נײַנציק כפּרות! און וויבאַלד אויס כלי־זיין, אויס חיל, אויס טאַרעראַם, איז דאָך אויס שנאה, אויס קנאה, אויס טערק, אויס ענגלענדער, אויס פראַנצויז, אויס ציגײַנער, אויס ייִד, להבדיל — די גאַנצע וועלט באַקומט גאָר דעמאָלט אַן אַנדער פּנים, ווי אין פּסוק שטייט בא אונדז געשריבן: „ו ה י ה, און עס וועט זײַן, ב י ו ם ה ה ו א, דאָס הייסט, אַז משיח וועט קומען!"... (שטעלט זיך אָפּ).

און אפשר, האַ?... ווען איך בין רויטשילד, קאָן זײַן. אַז איך בין גאָר מבטל דאָס געלט. אויס געלט! וואָרעם, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז דען געלט? — געלט איז דאָך, אייגנטלעך, נאָר אַ הסכם, אַן אײַנגערעדטע זאַך, מע האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אוועקגעשטעלט אַ צאַצקע און אָנגעשריבן: „טרי רובליאַ סערעבראָם". געלט, זאָג איך אײַך, איז נישט מער ווי אַ יצר־הרע, אַ תאווה אַזעלכע, איינע פון די גרעסטע תאוות, וואָס אַלע ווילן דאָס און קיינער האָט דאָס נישט... אָבער אַז סע זאָל לחלוטין גאָר נישט זײַן קיין שום געלט אַף דער וועלט, וואָלט דאָך דער יצר־הרע נישט געהאַט וואָס צו טאָן, און די תאווה וואָלט נישט געווען קיין תאווה. איר פאַרשטייט, צי ניין? אי וואָס? איז דאָך די קשיא, ווו וואָלטן דעמאָלט נעמען ייִדן אַף שבת? (פאַרטראַכט זיך אַף אַ ווײַלע). איז דער תירוץ: למאי ווו וועל איך א י צ ט ע ר נעמען אַף שבת?...

געשריבן אין יאָר 1902.